# ווייטערע פּרעסע-אָפּרופן וועגן ק. צעטניקס בוך
# „דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ"

דער מחבר פון די ביכער „סאַלאַמאַנדראַ" און „דאָס הויז פון ליאַלקעס" וועלכע האָבן געמאַכט אויף אונז דעם שטאַרקסטן רושם — איז איצט אַרויס מיט אַ נײַ בוך. זײַנע ערשטע ביכער האָבן אונז איבערצײַגט אַז עס איז אויך מעגלעך אַ קינסטלער, אַן אמתער קינסטלער, אַפילו נאָכדעם ווען אַלץ איז שוין געענדיקט. דאָס פּינטעלע ליבע וואָס האָט זיך אין אים אויפגעהיטן אויף אַ משונהדיקן מיסטעריעזן אופן און באַלויכטן זײַן גייסט — האָט גובר געווען אַלע גרוילקייטן.

אין זײַן נײַעם בוך קאָנצענטרירט דער מחבר דעם ברען־פּונקט פון זײַן בליק אויף די דינסטע שטריכן פון מענטשלעכע גלידער און אויף דעם לויטערקייט־גלאַנץ פון טרערן־טראָפּנס. דער דיכטער־קינסטלער וואָס זוכט אַ קלייד פאַר זײַן אויסדרוק ציט דאָ אַרויף אַ וועלטס־גרויל אויף די דינסטע סכעמאַטישע פעדים.

מאזניים

אַ נײַ בוך פון ק. צעטניק וואָס מאַכט וויברירן דיין האַרץ ווי סטרונעס. זײַן שילדערונגס־בליק דערגייט ביז תהום־טיפקייט פונוואַנען עס לײַכט צו אונז אַרויס דער מענטשלעכער פונק אַ נישט פאַרטונקלטער, אַ נישט פאַרלאָשענער.

אין „זייגער וואָס איבערן קאָפּ" ווערן נישט געשילדערט די עצם־גרוילקייטן און שרעקנס־בילדער, נאָר די לופט וואָס הערשט אַרום זיי: די לופט וועלכע מען קאָן נישט זען און נישט אָנרירן, נאָר מען פילט זי ווי אַן אָנגעגליט אײַזן אויפן נאַקעטן לײַב.

מעריב לנוער

...אַ קונסט־שאַפונג, וואָס שטייגט איבער קורציאָ מאַלאַפּאַרטעס בעסטע קריג־שילדערונג...

אַ סעריע בילדער־פּאָעמען וואָס טרייסלען אויף די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה...

הינטערן פּסעוודאָנים פון ק. צעטניק באַהאַלט זיך אַ יונגער יידישער שרייבער פון פוילן. געצײַלטע מענטשן ווייסן זײַן ריכטיקן נאָמען. ער וויל נישט מ'זאָל וויסן. ער וויל זײַן — און איז — דער אַנאָנימער, דער אומבאַקאַנטער קאַצעטניק...

פאָרווערטס

...יעדע שורה אין בוך איז אַ שווײַגנדיקער, אַצילותדיקער אויסשריי: געדענק!

דאָס בוך איז נישט בלויז אַ דערגרייכונג אויפן ליטעראַרישן געביט, נאָר אויך אַ דאָקומענט, איינציק אין זײַן מין, אויף דור־דורות.

על המשמר